גליק און ראכע

סענסאציאנעלער ראמאן
פון א. א.

(פארזעצונג)

— דא מוזן זיי זיין! — האט זיך געהערט ווי א סאלדאט האט אויסגערופן.

— שנעל, קאמעראדן, מיר מוזן זיי פאנגען. איינער פון זיי קאן שוין ניט לויפן, ער וואקלט זיך ווי א באטרונקענער.

— שנעל, פארווערטס! — צווישן די קוסטן! — האט דער אנפירער קאמאנדירט.

די סאלדאטן זיינען אריין צווישן די קוסטן און באלד האבן זיי געכאפט דע דריי מענער.

— איז דער דאזיקער גרויסער און שטארקער מאן ניט אטאנאסיאס, דער באוואוסטער קאפיטאן טאשא? — האט איינער אויסגערופן אנצייגנדיק אויף פאסקאן.

— אויף דער בילד וואס מיר האבן פון אים איז ער מיט א גרויסער בארד, אבער מסתמא האט ער זיין בארד אפגעשוירן אום מען זאל אים ניט דערקענען.

אלע סאלדאטן זיינען אין ווילדער אויפרעגונג צוגעלאפן צו פאסקאן.

— ער איז עס, אטאנאסיאס, דער פירסט פון די בערג, ענדלאך האבן מיר אים! — האט עס טריאומפירנד געקלונגען צווישן די סאלדאטן.

פאסקא האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טאן, ערגערן זיך איבער עס אדער ער זאל לאכן.

— איך, דער קאפיטאן טאשא? זייט איר וואנזיניק? — האט ער געשריען, אבער קיינער האט אים קיין אויפמערקזאמקייט איבער דעם ניט געשיינקט. די סאלדאטן זיינען געווען זיכער דאס זיי האבן געפאנגען דעם רויבער הויפטמאן.

— און דער באנדיט קאן מער ניט לויפן, ער קייקלט זיך אויף דער ערד פאר געלעכטער.

— חע, חע, חע — האט דער אנפירער אויסגערופן אנצייגנדיק אויף דעם בעי. — אויף אים דארף מען בינדן.

חא, חא, חא, דו פרעכער שורקע, ווי קאנסטו זיך פארשטעלן — — האט דער אנפירער געלאכט — דאס וואלט געווען א שיינער מאמער בעי. חא, חא, חא. שנעל בינדט אים.

קאפיטל 54

דער געשטערטער באל

— וואו איז דער נובישער פרינץ?

אלע האבן אים געזוכט, ער איז געווען דער קעניג פונם באל, מען האט אים געוואלט אמוזירן, אבער פון דער שווארצער האהייט איז ניט געווען קיין שפור און דאס האט דעם "האסט" און די געסט באאומרואיקט.

— וואו קאן ער זיין?

מידיא, די שיינע טאכטער פון האסאן פאשא, איז צוגעקומען צו אירע עלטערן, איר געזיכט איז געווען בלאס און אירע שווארצע אויגן האבן אויסגעשפראכן א פינסטערע אנטשלאסנהייט.

דער נובישער פרינץ האט זיך פלוצלונג געזען גייענדיק און דער פאשא איז אים פרייליך געלאפן אנטקעגן, זיין שווארצע האהייט האט פינסטער געקוקט אויף האסאן פאשא, און ער האט געצוואונגענערהייד געשמייכלט.

ווי מען האט געביינקט נאך אייער האהייט! — האט דער פאשא אויסגערופן. — מיר זיינען געווען אזוי אומרואיק, וואס איר זייט פלוצלונג פארשוואונדן געווארן.

— איך האב געוואלט זיין אליין א שטיקל צייט, איצט בין איך ווי ניי באלעבט — האט דער שווארצער פרינץ געזאגט ערנסט.

— ווי שיין אייער גארטן איז?!

ער איז צוגעגאנגען צו דער פרוי פונם פאשא און ווארפנדיק א בליק אויף איר האט ער אויסגערופן:

— ווי שיין, ווי אנטציקנד שיין דא איז, אונטער אזוי פיל גליקלאכע מענשן מוז מען זיין פרייליך.

— איר זייט די איינציקע וועלכע איז היינט אונט אומעטיק, האט ער זיך געווענדעט צו דער שיינער מידיא.

א פלאמענדע רויטקייט האט זיך באוויזן אויף מידיאס געזיכט און אירע שיינע אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן.

— איר שווייגט, — האט דער שווארצער פרינץ שטיל געזאגט. ווען א שיינע מיידל איז טרויעריק, דאן מוז זי זיך זארגן איבער אן אומגליקלאכער ליבע, איז עס ניט אזוי?

— אייער האהייט, פון וואנען ווייסט איר עס?

ציטערנדיק פאר דעם דראענדן בליק פון איר גרויזאמען פאטער האט מידיא געשוויגן און איר קאפ איז באקימערט אראפגעזונקען אויף איר ברוסט.

— וואס פאר א שיינער באל עס וואלט היינט געווען, ווען איך וואלט אייך געקאנט מאכן גליקלאך — האט דער נובישער פרינץ פארגעזעצט.

— געפינט זיך ניט צווישן די געלאדענע געסט דער יעניקער צו וועמען אייער הארץ באלאנגט.

דאס יונגע מיידל האט צושטימענד געשאקלט מיטן קאפ.

— ווירקלאך, האט דער נובישער פרינץ אויסגערופן מיט א שטראלענדן שמייכל.

— א פאשא, וואס פאר אן אנטציקנדער באל עס וואלט געווען ווען איר וואלט אייער שיינע טאכטער קאנען פארשטעלן היינט פאר די געסט אלס א גליקלאכע כלה.

— האסאן פאשא איז בלאס געווארן פאר שרעק, ווערנד מידיא האט געציטערט ווי אין א פיבער.

— א, האסאן פאשא — האט דער שווארצער פרינץ ווייטער פארגעזעצט — איך וואלט דעם דאזיקן אוונט קיינמאל ניט פארגעסן, ווען איר זאלט דערפילן דעם וואונש פון אייער שיינער טאכטער און קרוינען דעם דאזיקן הייליקן יום טוב מיט א פארלאבונג.

— האהייט, — האט דער פאשא ענדלאך געקאנט שטאמלען, פארלייגנדיק די הענט איבער זיין ברוסט.

— איך וועל אלעס טאן, אום אייך צו מאכן דעם דאזיקן אנגענעם, אבער דעם דאזיקן וואונש קאן איך ניט דערפילן, איך קאן מיין טאכטער ניט אפגעבן צו אן ארימען אפיצער.

דער פרינץ האט געלאכט.

— ווען עס ווענדעט זיך נאר אן דעם וואס איר געליבטער איז אן ארימער אפיצער, דאן וועל איך די דאזיקע שטערונג שפילנדיק אפראמען פון וועג. דער יונגער אפיצער זאל פון מיר באקומען א יערלאכן געהאלט וואס זאל אים דערלויבן צו לעבן אנשטענדיק און דאן וועל איך ביי אייער הער דעם גרויסמעכטיקן סולטאן אויסווירקן א הויכע שטעלע פאר דעם יונגן אפיצער.

— זייט איר איצט אויך דאגעגן, האסאן פאשא.

האסאן פאשא האט געציטערט פאר דעם בליק פונם פרינץ.

— ניין האהייט, איצט בין איך ניט דאגעגן, האט ער געזאגט.

דער פרינץ האט טריאומפירנד געשמייכלט און ער האט זיך אפגעקערט צו דער בלאסער מידיא.

— א, פירט מיר צו אייער געליבטן, שיינע מידיא, מיר וועלן היינט פייערן א פריילאכע פארלאבונג.

א פרייודנס געשריי האט מידיא ארויסגעלאזן. זי איז צוגעלאפן צו דעם יונגן אפיצער און זי האט גליקלאך געשטאמלט:

— אסמען, קום צו דעם פרינץ, ער האט אויסגעווירקט אז מיין פאטער זאל איינשטימען צו אונזער פארלאבונג.

גליקלאך איז דאס יונגע פאר געשטאנען פאר דעם שווארצן פרינץ, וועלכער האט זיי צוגעפירט צו האסאן פאשא.

האסאן פאשא האט געצוואונגען געשמייכלט און ער האט פריינטלאך געוויזן? צו דעם יונגן אפיצער אלס ער האט אים געגרייכט די האנט.

— איר האט עס צו פארדאנקען אייער פירסטלאכן פריינט, — האט האסאן פאשא געזאגט — ער וועט ביי אונזער מעכטיקן סולטאן אויסווירקן א הויכן אמט פאר אייך און ער וועט אויסער דעם זארגן אז איר זאלט אימער קאנען לעבן אנשטענדיק.

— דאס וועל איך טאן, — האט דער שווארצער פרינץ באשטעטיקט.

— האהייט, ווי זאלן מיר אייך באדאנקען? — האט דער יונגער אפיצער געשטאמלט.

דער פרינץ האט אים ווארים געדריקט די האנט, דאן האט ער זיך אויסגעקערט צו האסאן פאשא און ער האט אים געפרעגט:

— נו, האסאן פאשא, ווילט איר ניט מיטטיילן אייערע געסט פון דער דאזיקער פאסירונג.

האסאן פאשא האט אין פארלעגנהייט געקוקט ארום זיך.

— יא, האהייט, גלייך, האט ער געענטפערט געצוואונגענערהייט.

ער איז אריין אין מיטן קרייז פון די געסט און ער האט אין דער הויך אויסגערופן:

— מיינע הערן, איך ברענג אייך איצט די נאכריכט, דאס איך האב ערשט געגעבן מיין צושטימונג פאר דער פארלאבונג פון מיין טאכטער צו אסמאן עהעם, אפיצער אין דער ארמיי פון אונזער מעכטיקן סולטאן.

— נאך די זיטן פון אונזער לאנד איז די דאזיקע פארלאבונג אזוי גוט ווי א הייראט און איך דערלויב דארום אסמין עהעם צו צונעמען מיין טאכטער מידיא אין זיין הויז אלס זיין פרוי.

דאס געזיכט פון דעם שווארצן פרינץ האט טריאומפירנד געשטראלט. האסאן פאשא קאן לויט דעם טערקישן געזעץ קיינמאל ניט צוריקציען זיין ווארט.

די געסט האבן שטורמיש אפלאדירט און זיי האבן געוואונשן גליק די חתן כלה און אויך דער פאשא האט געשמייכלט. מידיאס מוטער ארומגעארעמט איר טאכטער און זי האט איר געקושט.

אלע זיינען געווען פריילאך און דער נובישער פרינץ איז געווען דער קעניג פון דעם דאזיקן יום-טוב.

זיינע באגלייטער זיינען פארבליבן שטיל און צוריקגעהאלטן און זייערע בליקן האבן אומבאוועגט אויף דעם שווארצן פרינץ.

האלבע נאכט איז געקומען און די פריילאכקייט אין דעם גרויסן און פרעכטיקן גארטן האט דער העכסטער פונקט דערגרייכט.

האסאן פאשא האט געגעבן א צייכן אז מען זאל אריינגיין אין דעם גרויסן צימער, דארט וועלן טאנצן די שיינע שקלאפן, און די געסט זיינען לאכנדיק און פלוידערנדיק אריין אהין.

קיינער האט ניט באמערקט ווי דער נובישער פרינץ האט געזאגט זיין הויף מארשאל איניקע ווערטער, איידער ער איז אריין אין זאל. דער הויף מארשאל איז שנעל צוגעלאפן צום ארויסגאנג פון פארק.

ווען מידיא האט באמערקט ווי דער הויף מארשאל איז אוועק איז זי צוגעגאנגען צום פרינץ און זי האט אים געפרעגט:

— יזויל שוין אונז אייער האהייט פארלאזן?

— יא שיינע מידיא, איך וויל אין דער שטיל אוועקגיין אום דעם יום-טוב ניט צו שטערן. ניט אמת, איר וועט דערלויבן מיינע דינער זיי זאלן אריין און ארויסגיין? — האט ער געזאגט הויך אום די שקלאפן זאלן עס הערן.

— געוויס, אייער האהייט, — האט די מיידל העפלאך געענטפערט און דער פרינץ האט א וואונק געטאן צו נאך צוויי דינער, וועלכע זיינען גלייך אוועק.

צוזאמען מיט די איבעריקע הערן און די חתן-כלה איז דער פרינץ אריין אין זאל און ביי זיין אריינקומען האבן זיך די טענץ אנגעפאנגען.

ער האט געקוקט צו דער טיר. ער האט נאכלעסיק ארויסגעצויגן זיין מיט דימאנטן און איידלשטיינער באזעצן זייגער. עס איז געווען צען מינוט צו 1.

זיין פלאמענדיק בליק האט ארומגעשוועבט איבער אלע אנוועזנדע און איז געבליבן רוען אויפן געזיכט פון האסאן פאשא.

ער האט מיט זיין האנט עטוואס געטאפט אין די קניטשן פון זיין זיידענער קלייד און עס האט אויסגעקוקט אז ער איז צופרידן.

קוקנדיק אויף די שקלאפן וועלכע האבן געטאנצט איז ער געווארן עטוואס אומרואיק און ער האט איינגעריימט זיין באגלייטער איניקע ווערטער.

— געפעלט אייער האהייט די טענץ — האט אים האסאן פאשא פלוצלונג געפרעגט.

— א, געוויס, די טענץ זיינען אנטציקנד שיין, אבער די לופט אין דעם דאזיקן זאל איז אזוי דריקנד אז עס וואלט ניט געשאט מען זאל די טירן עפענען.

דער פרינץ האט זיך אויפגעהויבן, אויף זיין וואונק האבן די דינער אויפגעעפנט די טירן און די נאכטיקע לופט האט אריינגעדרונגען אין דעם מיט מענשן געפאקטן זאל.

(ווייטערעס קומט)



זעט און הערט די
וועסטינגהאוז קאלומייר
ראדיא
אין
Hudson's Bay Company.
INCORPORATED 2nd MAY 1670.

Westinghouse "8" Columaire

ו. נייט ווילסאן
אנגעזעענער קאנאדער מוזיקער, דיריגענט פון רע־זשיינער סימפאנישן ארקעסטער, גיט זיין גלענצענדן לויב-געזאנג צו דער וועסטינגהאוז קאלומייר "8" ראדיא:
"דער קאלומייר פרינציפ זעט אויס צו מיר צו זיין א פארשריט צו פערפעקטער ראדיא רעפראדוקציע".

איר קאנט קויפן די קאלומייר "8" ראדיא מיט $10 קעש — באלאנס אויף לייכטע אויסצאלונגען.
GENSER & SONS LTD.
אייער אלטער פאנאגראף אדער ראדיא אנגענומען אלס טייל אפצאל.
טעלעפאן 22 486 — אפן יעדן אוונט
307 PORTAGE AVE., at Donald



א "אידישע ווארט"
אין יעדער אידישער הויז
אין וויניפעג און מערב קאנאדע
דאס איז דער לאזונג פון אונזער גרויסן
סירקולײשאן קאמפיין
וואס "דאס אידישע ווארט" פירט איצט דורך
$1500
אין קעש און אין ווערטפולע פרייזן וועט אוועקגעגעבן ווערן
שיקט אריין אייער סובסקריפשאן פאר "דאס אידישע ווארט" און ווערט א בארעכטיקטער אנטיילנעמער אין׳ם קאמפיין. אויב איר זייט נאך ניט קיין לעזער פון "דאס אידישע ווארט", באשטעלט א צייטונג היינט, און דאס וועט אייך געבן א געלעגנהייט צו קריגן א בארעכטיקטן אינטערעס אינ׳ם קאמפיין.
טוט עס גלייך — איר קאנט זיין דער מזלדיקער געווינער
פאר אינפארמאציע און דעטאלן ווענדעט זיך צו
ISRAELITE DAILY PRESS
Phone 52 213 :: 165 Selkirk Ave.

דער שטאט זיינען געווען באדעקט מיט ארום דרייסיק פוס ערד. דער טייך אינדוס ווערט געשפייזט פון די הימאלעיאן בערג. זומער צייט צוגייט דער שניי אויף זיי און ארום יוני, ווען די פארשוועמונג קומט געוויינלאך פאר, זיינען די וואסערן אנגעלאדן מיט א סך צעלאזטער ערד, וועלכע זיי לאזן איבער אין דער פארפלייצטער געגנט.

די געגנט איז היינט צו טאג ארום 155 פוס איבער דעם ים אויבערפלאך, ווען די פארצייטיקע מענשן האבן די שטאט אויסגעפלאנעוועט און אויסגעבויט, איז די געגנט געווען ניט מער ווי 125 פוס איבער דעם ים אויבערפלאך. פונקט ווי אין מעסאפאטאמיע, האלט דא דער באדן אויך אין איין שטייגן.

פון קיין וואסער לייטונג האבן זיי ניט געוואוסט. כמעט ווי יעדע גרעסערע הויז האט זיך געהאט איר אייגענעם ברונען און פאר דעם צוועק א באשטימטן צימער. דערפאר האבן זיי שוין געוואוסט פון אן אפפיר סיסטעם, פון דרעינידזש. ווי די וויסנשאפטסלייט האבן אויסגערעכנט, האט שוין די דאזיקע שטאט עקזיסטירט אין דעם פערטן מילעניום פאר דער קריסטלאכער צייט רעכענונג, ד. ה. אין 3,300 פאר דער קריסטלאכער צייט רעכענונג, ווען די ערשטע דינאסטיע אין עגיפטן איז צושטאנד געקומען. דאס מיינט אבער ניט אז די שטאט איז געבויט געווארן אין דעם פערטן מילעניום פאר דער קריסטלאכער צייט רעכענונג. זי איז מעגלאך געבויט געווארן נאך אין דעם פינפטן און אפשר גאר אין דעם זעקסטן מילעניום פאר דער קריסטלאכער צייט רעכענונג.

איין זאך איז אבער זיכער, דאס איז דערווייל די ערשטע פארצייטיקע שטאט וואס דער וויסנשאפט איז געלונגען צו אנטדעקן, וועלכע איז אזוי פלאנמעסיק אויסגעלייגט געווארן; וועלכע האט שוין עקזיסטירט אמווייניקסטנס מיט פינף טויזנט יאר צוריק.

איז דאס פאר דער וויסנשאפט א זייער וויכטיקע אנטדעקונג. זי האט אפגעשטופט דעם אנפאנג פון אונזער ציוויליזאציע ווייטער אין דעם אלטערטום. אונזער ציוויליזאציע, ווייס מיר שוין היינט, איז עלטער פון פינף טויזנט יאר. מיט וויפיל עלטער? די ארכעאלאגיע וועט זיכער ניט רוען, ביז איר וועט געלינגען צו געבן א גענוגנדיקן ענטפער אויף דער דאזיקער פראגע.

ווי אלט איז שוין אייגענטלאך אונזער איצטיקע ציוויליזאציע

(שלוס פון זייט 2)

שטעט וואס מען האט געפונען אין מעסאפאטאמיע, איז שוין מער קיין צווייפל ניט געווען, אז ער האט זיך אנגעשטויסן אויף גאר אלטע רואינען.

סער דזשאן מארשאל איז אבער ניט געווען איבעראשט פון באנערים מזל. נאך מיט א יאר פריער, אין 1920-21 האט א צווייטער אפיצער געמאכט אן ענלאכע אנטדעקונג אין הארופא, דאס ארט פון א פארצייטיקער שטאט אין פוניאב, פיר הונדערט מייל פון מאהעניא-דארא. דאס האט בלויז באפעסטיקט זיין גלויבן, אז אין דעם צפון מערב טייל פון אינדיע ליגן באגראבן די איבערבלייבעכצן פון אן אלטער ציוויליזאציע.

אין 1925, מיט דער הילף פון דער אינדישער רעגירונג, האט ער זיך ערנסט גענומען צו די אויסגראבונגען ארום מאהעניא-דארא. צום ערשטן האט ער אנגעשטעלט אכט הונדערט ארבעטער אויפצוגראבן עס באחן. שפעטער האט ער די צאל פארגרעסערט ביז צוועלף הונדערט, ארום און ארום איז אויפגעגראבן און אונטערזוכט געווארן א שטח פון ארום 240 אקער. אבער דאס וואס אים איז דא געלונגען צו אנטדעקן איז געווען גענוג. אין דעם ווינטער פון זיינען אויסגעגראבן געווארן געבייעדעס אויף א שטח פון דרייצן אקער. דאס ווארפן א ליכט וואס פאר א שטאט דא האט עקזיסטירט נאך מיט העכער פינף טויזנט יאר צוריק. ער האט זיך דאן צוריקגעצויגן פון זיין אקטיווער ארבעט ארום די אויסגראבונגען, כדי צוצוגרייטן זיין באריכט און אנטפלעקן פאר דער וועלט זיינע דערגרייכונגען.

ווי עס ווערט אנגעגעבן, האט ער זיך אנגעשטויסן אויף א באדייטנד גרויסער פארצייטיקער שטאט, פאקטיש מער ווי איין שטאט, אבער דא וועלן מיר זיך פארנעמען בלויז מיט איינער. דאס איז געווען א שטאט וועמעס גרויס איז נאך דערווייל איצט ניט מעגלאך צו באשטימען. עס וועלן נויטיק זיין נאך פיל מער אויסגראבונגען צו באשטימען מיט זיכערקייט אירע אמת׳ע גרעניצן. אבער פון די שוין ביז איצטיקע אויסגראבונגען קאן מען אויסרעכענען, אז אין דער דאזיקער שטאט האבן שוין געלעבט אמווייניקסטנס ארום דרייסיק טויזנט מענשן. ווילדע און האלב ווילדע מענשן האבן נאך פון אזעלכע גרויסע שטעט ניט געוואוסט, מיינט עס אז די איינוואוינער פון דער דאזיקער שטאט האבן שוין פארמאגט א געוויסע מאס אינטעליגענץ, אנטוויקלונג און ציוויליזאציע.

די שטאט, ווייזט זיך ארויס פון די רואינען, איז אויסגעלייגט געווארן פלאנמעסיק, מען האט זי פריער אויסגעפלאנעוועט. נאך א באוויז פאר א געוויסער מאס ציוויליזאציע. די הויפט גאסן זיינען געווען לאנגע און ברייטע, איינע איז געלאפן נארד און סאוט, איבערשניידנדיק די גאנצע שטאט, די אנדערע איז אויך אויף אזא אופן געלאפן זיד און וועסט. דאן האבן זיך פון די דאזיקע הויפט גאסן אפגעצווייגט קליינע, שמאלערע געסלאך און קאורטס.

די הייזער זיינען געבויט געווארן אין דעם זעלבן סטיל, גאנצע רייעסווייז, פונקט ווי היינט צו טאג אין די גרעסערע שטעט, און זיי זיינען געווען צוויי שטאקיקע. דאס איז נויטיק געווען, ווערט דערקלערט, דערפאר וואס דער טייך אינדוס פלעגט גאנץ אפט ארויס פון זיינע ברעגן און פארשווענקען די ארומיקע געגנט, איז נויטיק געווען צו באזארגן זיך מיט העכערע עטאזשן, וואו די פאמיליעס האבן זיך געקאנט אויפהאלטן, ווען די אונטערשטע עטאזשן זיינען פארשווענקט געווארן. מיט דעם דערקלערט זיך אויך וואס די רואינען פון

נידעריקע
עקסקורסיע
פעירס
צו
איסטערן קאנאדע
נעמט אייער ווינטער רייזע אין פארלויף פון דעצעמבער, פעירס זיינען א סך נידעריקער און די פריווילעגיעס פאר צוריקקערן זיך זיינען לענגער אויף טיקעטס צו מזרח קאנאדע, פון אלע סטיישאנס וויניפעג און וועסט.
צענטראל יונייטעד סטייטס
פון סטיישאנס אין סאסקאטשעוואן און אלבערטא, נידעריקע פעירס אין דעצעמבער, לימיט 3 מאנאטן.
פאסיפיק קאוסט
וואנקאווער
וויקטאריא
ניו וועסטמינסטער
ווינטער אויפ׳ן פאסיפיק — וויקטאריא — קאנאדעס אייביק גרינער שפילפלאץ. טעניס, גאלף, מאטאר, רייטן — קריסטאל גארדענס צו שווימען און טאנצן. קומט ווען עס האלטן אן די נידעריקע ווינטער פעירס, אין פארלויף פון דעצעמבער, יאנואר און ביז דעם 4טן פעברואר.
4־טער יערלאכער
עמפרעס מידווינטער גאלף טורנאמענט
פעברואר 22 — 27, 1932
ספעציעלע רייטס אין דעם עמפרעס האטעל
פרעגט וועגן נידעריקע רייטס פאר קריסמעס און נייעיאר, צווישן אלע סטיישאנס אין קאנאדע
CANADIAN PACIFIC RAILWAY LINES
WORLD'S GREATEST TRAVEL SYSTEM
CANADIAN PACIFIC
קומט, טעלעפאנירט אדער שרייבט צו וועלכן עס איז אייזנבאן אגענט אדער צו
H. R. MATHEWSON
General Passenger Agent, Winnipeg, Man.

עדמאנטאן עדמאנטאן

עדמאנטאנער נאטיצן

זונטאג בייטאג, האבן די א. צ. א. אפגעהאלטן א גענעראל מיטינג, אין די תלמוד תורה קלוב צימערן. הארט קרעמער איז געווען פארזיצער. ס׳איז פארהאנדלט געווארן, צי זיי זאלן שיקן זייער האקי טים קיין קאלגארי, צו דער יאנג דזשודעאן קאנווענשאן. נאך פיל דיסקוסיעס איז געבליבן ניט צו שיקן דעם "טים" קיין קאלגארי.

עס איז אויך ארומגערעדט געווארן די רעליף ארבעט און בען צוקערמאן, איז באשטימט געווארן פאר פארזיצער פון רעליף קאמיטעט, פון די א. צ. א. און היימי באלצאן, אלס אסיסטענט.

די א. צ. א. זיינען אונטער דער אויפזיכט פון בני ברית, און דאס איז אויך איינע פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען, צו זעען אונזער יוגנט פארנומען מערער מיט אידישע און אנדערע וויכטיקע פראבלעמען, ווי פריער זיינען זיי געווען כצאן בלא רועה. — ווי מיר האבן שוין ניט איינמאל געשריבן אויף די שפאלטן פון "דאס אידישע ווארט".

* * *

די עדמאנטאנער יאנג דזשודעאן האבן אפגעהאלטן א גענעראלע פארזאמלונג, זונטאג אוונט, אין די קלוב צימערן פון דער ת"ת. ב. ראמעלסאן איז געווען פארזיצער. עס איז ארומגערעדט געווארן וועגן א פארטרעטערשאפט און געסט צו דער פינפטער יאנג דזשודעאן קאנווענשאן, וואס וועט אפגעהאלטן אין קאלגארי, דעצ. 28-30.

עס זיינען אויסגעקליבן געווארן: ב. ראמעלסאן, ז. הארדין, טריינע נירהויז און דזשין כהן. מען דערווארטעט אז עס וועלן פארן ביי א פערציק געסט און מיטגלידערס פון די עדמאנטאנער יאנג דזשודעאס, קיין קאלגארי.

עס פרייט אונז באמת צו זעען, די יוגנט פאראייניקט. דער פאקט אליין, וואס אונזער דור פארברייננגט צווישן זיך, אינטערעסירט זיך מיט אידישע פראבלעמען — איז א ווערטפולער.

און עס איז ווי מיר האבן דערווארטעט, אז די תלמוד תורה, איז געווארן דער צענטער פון דער אידישער באפעלקערונג, נאך מערער פון דער יוגנט. מען הערט און זעט כסדר דארט זיך ארומדרייען די יוגנט, בפרט נאך זונטאג, זעט מען זיי דארט א גאנצן טאג.

* * *

דער פילאנטראפיק ברידזש קלוב האט געשפילט די וואך אין דער היים פון מרס. גיוהויז. עוועלין נאזשיק האט געוואונען די פרייז.

* * *

"דער אלד פאוקס ברידזש קלוב, האט די וואך, דורכגעפירט, זייער וועכנטלאכע פארטי, אין דער היים פון מרס. ז. סלוצקי. די פרייזן האבן געוואונען, מרס. א. פינסקי און מרס. א. פראטקין. די גאסט פרייז האט געקראגן מרס. ראטמאן, די מוטער פון מרס. א. פראטקין.

* * *

מר. און מרס. מאריס קעגעני, האבן דורכגעפירט א געבורטסטאג פארטי, פאר זייער קליינער טאכטער — מאשא, אירע חברות מיט שילערנס פון ת"ת ווי אויך אנדערע האבן פריילאך פארבראכט.

* * *

מר. און מרס. מ. שובין האבן דורכגעפירט א פארטיע פאר זייערע פילע פריינט. מען האט גוט פארבראכט. די פרייזן האבן געוואונען: מרס. א. אסטרי און מרס. א. פראטקין.

* * *

מרס. איי. באלצאן, די מוטער פון ה׳ באלצאן אין עדמאנטאן האט זיך לעצטנס צוריקגעקערט פון א וויזיט אין סאסקאטון, וואו זי האט פארבראכט ביי אירע קינדער, הר. און מרס. ד. א באלצאן.

* * *

מרס. א. ביינדער, פון בארא־פארק, ניו־יארק, האט באזוכט אירע קאזינס דר. און מרס. ד. מ. באלצאן, אין סאסקאטון. איצט איז זי דער גאסט פון אירע פריינט, מר. און מרס. וו. באלצאן, און מר. און מרס. הערי באלצאן, וואו זי וועט פארברענגען עטלאכע טעג. פון דאנען פארט זי קיין לאס אנדזשעלעס, צו זעען זיך מיט אירע עלטערן, מר. און מרס. ל. ראפאפארט. און פון דארט פארט זי צוריק קיין ניו יארק.

* * *

א פארטי איז פארגעקומען אין דער היים פון מר. און מרס. ס. איזראעל פאר זייערע פילע פריינט.

W. H. JACKSON
פארטרעט די
ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאני.
פערזענלאכע באדינונג
919 McLeod Bldg.
Phones:
Office 25 805; House 72 370

רעז. ראיאל דזשארדזש האטעל.
אפיס טעלעפאן 25 502
דר. א. ב. גרינבערג
B.Sc. M.D. L.M.C.C.
פיזישען און כירורג
441 טעגלער בילדינג עדמאנטאן, אלטא.

MORRIS BAKER
לאו אפיס
510 TEGLER BLDG. PHONE 27 888

E. S. AGNEW
דראגיסט און סטיישאנער
9546 Jasper Ave. Phone 22 432
EDMONTON, ALTA.

לאמבער און מילארבעט
פלייט גלאז
סטאר פיקסטשורס
צו
נידעריקסטע פרייזן
W. H. Clark & Co. Ltd.
109 ST. EDMONTON

א בילד איז דער בעסטער אנדיינק
קיין געלט אין דער וועלט קאן ניט קויפן אזא אנדיינק.
מיר גיבן אייך 20 פראצענט דיסקאונט פאר אייער בילד.
THE ART LEAGUE
STUDIO
10131 JASPER AVE.

JACKSON BROS.
Jewelers, Diamond Merchants
מיר מאכן א ספעציאליטעט פון די ריפערס פון זייגערס און דזשועלרי. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו מעיל ארדערס.
9962 JASPER AVE., EDMONTON

PHOTOS
אין יעדער פאזע איז אפגעשפיגלט דער צויבער און פערזענלאכקייט פון
דער פערזאן
Phone 25 444
פאר אן אפאינטמענט
McDERMID STUDIOS LTD.
10133 - 101st St. Edmonton, Alta.

מיר זיינען די
איינציקע
אויסשליסלאכע
מאנופעקטשורערס
פון
מאנומענטן
אין עדמאנטאן
איידער איר באשליסט צו קויפן א מצבה פאר אייערע ליבע און טייערע, קומט און זעט אונז. עס וועט זיך אייך באצאלן.
ALBERTA GRANITE MARBLE & STONE
10702-101st St. Phone 24 058
EDMONTON

קומט און פרובירט אונז אויס
אייך וועט געפעלן ווערן אונזער סערוויס, באדינונג און מעסיקע פרייזן. מיר דעליווערן.
LA PARISIENNE DRUG Co., Ltd.
Tel. 26374 Edmonton, Alta.
W. D. Goldberg J. Rovers

לעזט און פארשפרייט "דאס אידישע ווארט"